NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05991

MOSHEH MONTEFYORE

Mendel Osherowitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אַשעראָוויטש

משה מאָנטעפיאָרע

(1885—1784)

די לעבנס־געשיכטע פון אַ ייִדן
מיט אַ וואַרעם האַרץ

אילוסטראַציעס פון זויל. וואַכטל

M. CANTOR
290 INKSTER BLVD.
WINNIPEG, MANITOBA

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג קינדער־רינג
ביי דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
175 איסט בראָדוויי
ניו־יאָרק, נ. י.

קינדער-רינג-ביבליאָטעק

משה מאָנטעפיאָרע

פון

מ. אָשעראָוויטש

אילוסטרירט פון

וויל. וואַכטל

Copyright 1941

by

FARLAG KINDER RING

of the

EDUCATIONAL COMMITTEE OF

THE WORKMEN'S CIRCLE

New York, N. Y.

10

Printed in U. S. A.

א פאָרטרעט אויף דער וואַנט

מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען די טאַטעס און זיידעס פון היינט זיינען נאָך אַליין קליינע קינדער געווען, האָט מען כמעט אין יעדער יידישער שטוב געקענט זען, ווי אויף דער סאַמע שפיגלוואַנט הענגט אַ גרויסער פאָרטרעט פון אַן אַלטן מאַן מיט אַ באָרד און אויפן קאָפּ טראָגט ער עפּעס אַזאַ מאָדנע היטעלע מיט אַ קוטאַס, וואָס מע זעט ניט קיין אַנדער יידן טראָגן אַזוינס אויפן קאָפּ — אַ היטעלע, וואָס אַז מע וויל, קען מען זאָגן, אַז ס׳איז יאָ אַ יאַר־מעלקע, און אַז מע וויל, קען מען זאָגן, אַז ס׳איז ניט קיין יאַר־מעלקע.

אין די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך פון די אַלע לענדער, וואו יידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט, איז דער פאָרטרעט פון יענעם אַלטן מאַן מיט דער באָרד געהאַנגען אויף די ווענט פון קליינע שטיבעלעך, וואו די אָרעמקייט איז געווען גרוים; זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ סך פעסטקייט און אויך אַ סך זאָרג, איז אַלעמען געווען באַקאַנט, און ניט איין מאָל האָט אַ יידיש קינד זיך אויף יענעם פאָרטרעט פאַרקוקט, און ווענדנדיק זיך צום טאַטן, אָדער צו דער מאַמען, האָט דאָס קינד געפרעגט:

— אַ־יאָ, דאָס איז מיין זיידע?

— ניין, קינד. — האָט מען אים געענטפערט. — דאָס איז ניט דיין זיידע; דאָס איז רבי משה מאָנטיפיאָר.

אַזוי האָט מען אין יענע שטעטלעך זיין נאָמען אַרויסגערעדט; ניט סער מאָזעס מאָנטעפיאָרע, ווי מען האָט אים גערופן אין ענג־לאַנד, וואו זיין היים איז געווען, נאָר רבי משה מאָנטיפיאָר.

מיט ליבשאַפט און אַכטונג האָבן יידן אומעטום זיין נאָמען אויף די ליפּן אַרויסגעבראַכט. כאָטש ניט אַלע האָבן געוואוסט,

M. CANTOR
290 INKSTER BLVD.
WINNIPEG, MANITOBA.

פון וואַנען ער שטאַמט, וואו ער וואוינט און אין וואָס ס'ליגט זיין כוח, זיינען זיי אָבער דאָך געווען זיכער, אַז וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, האַלט ער אַן אויג אויף אַלץ, וואָס עס טרעפט זיך נאָר מיט יידן אין יעדער לאַנד באַזונדער. און אַז ווי ס'וועט נאָר ערגעץ געשען עפּעס אַן אומגליק און מ'וועט דאַרפן ראַטעווען, וועט ער, דער גוטער משה מאָנטעפיאָרע, וואָס זיין פּאָרטרעט הענגט אויף דער וואַנט, גלייך קומען אַהין. אין וואָס פאַר אַ טיר מע וועט נאָר דאַרפן אָנקלאַפּן, וועט ער אָנקלאַפּן, צו וועמען מע וועט נאָר דאַרפן גיין, וועט ער גיין; אַפילו ביים קיסר אַליין וועט ער אָנ־שפּאַרן, און אומעטום וועט מען אים אויפנעמען מיט גרויס כבוד און מע וועט זיך צוהערן צו דעם, וואָס ער זאָגט.

די יידן אויף דער גאַנצער וועלט האָבן דעמאָלט איבערגע־לעבט זייער שווערע צייטן. אין אַ סך לענדער האָט מען זיי פאַר־פאָלגט און געיאָגט. אַפילו דאָרט, וואו מען האָט זיי ניט פאַר־פאָלגט, האָט מען אויף זיי ניט געקוקט ווי אויף גלייכע.

יידן האָבן אומעטום געמוזט אָנפירן אַ שווערן קאַמף פאַר גלייכע רעכט. צווישן די, וואָס האָבן אין יענער צייט אָנגעפירט דעם קאַמף צו קריגן גלייכע רעכט פאַר יידן, איז געווען משה מאָנטעפיאָרע. ער האָט אויף זיך גענומען די פליכט צו פאַרטרעטן די יידן ניט נאָר אין איין לאַנד, נאָר אין די אַלע לענדער, וואו זיי זיינען צעזייט און צעשפּריים. געטאָן האָט ער זיין אַרבעט אַזוי, אַז אַפילו די רעגירונגען פון יענע לענדער, וואו מען האָט זיך מיט יידן אין גאַנצן ניט גערעכנט און זיי באַהאַנדלט ווי די נידע־ריקסטע צווישן די נידעריקע, האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און זיך גוט צוגעהערט צו זיינע רייד.

אין וואָס זשע איז געלעגן זיין כוח?

דאָס וועלן מיר זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

פון אַ לויטערן קוואַל

געבאָרן געוואָרן איז משה מאָנטעפיאָרע אינעם יאָר 1784, אין דעם טאָג פון דעם 24טן אָקטאָבער. געשטאַמט האָט ער פון אַן אָנגעזעענער שפּאַניש-יידישער משפּחה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין איטאַליע נאָך אינעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווען די לאַגע פון די יידן איז דאָרט געווען גאָרניט שלעכט.

זיין זיידע, משה חיים מאָנטעפיאָרע, ניט קיין פאַרמעגלעכער און זייער אַן ערלעכער געשעפטסמאַן, האָט זיך אינעם יאָר 1744 אַריבערגעצויגן פון איטאַליע קיין ענגלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן און דאָרטן האָט זיין הויזגעזינט זיך צעוואַקסן זייער גרויס.

זיין פאָטער, יוסף אליהו מאָנטעפיאָרע, איז געווען איינער פון זיבעצן קינדער אין דעם גרויסן הויזגעזינט. אינעם יאָר 1783 האָט ער חתונה געהאַט מיט רחל לאָמבראָזאָ. זי האָט אויך געשטאַמט פון זייער אַ פיינער שפּאַניש-יידישער משפּחה. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1784, ווען דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט געמאַכט אַ רייזע קיין איטאַליע און זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט ליוואָרנאָ, האָט רחל געבאָרן אַ זון. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן משה. ווען דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין לאָנדאָן, האָט די גאַנצע משפּחה מאָנטעפיאָרע זיך געפרייט מיט דעם ניי-געבאָרענעם קינד.

אינעם לויף פון יאָרן האָט די פאַמיליע פון יוסף אליהו מאָנטעפיאָרע זיך שטאַרק צעוואַקסן. עס זיינען צוגעקומען נאָך זיבן קינדער — צוויי זין און פינף טעכטער. די געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט. אַ נאָמען האָט מען אויך געהאַט אַ גוטן, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז אויפן וואָרט פון אַ מאָנטעפיאָרע קען מען

מויערן אוועקשטעלן. און ווען די קינדער זיינען אויסגעוואקסן און זיינען גרויס געוואָרן, האָט מען מיט זיי פיינע שידוכים געטאָן און זיך דורך דעם פאַרבונדן מיט נאָך אַנדערע זייער אָנגעזעענע יידישע משפּחות אין לאָנדאָן. און דעם בעסטן שידוך האָט מען געטאָן מיטן עלטסטן זון, מיט משהן. קיין בעסערן שידוך פאַר אים האָבן זיינע עלטערן זיך גאָרניט געקענט ווינטשן.

משה האָט חתונה געהאַט מיט יהודית קאָהען, די טאָכטער פון דעם דעמאָלט באַרימטן לעווי באַרנעט קאָהען, און דורך דעם איז ער געוואָרן אַ שוואָגער פון דעם גרויסן לאָנדאָנער יידישן באַנקיר נתן מאיר ראָטשילד. משה איז דעמאָלט אַלט געווען אַכט און צוואַנציק יאָר און יהודית איז געווען מיט אַ קנאַפּ יאָר עלטער פון אים, אָבער זיי האָבן זיך ביידע זייער ליב געהאַט.

יהודית האָט ניט געשטאַמט פון קיין שפּאַניש - יידישער משפּחה, נאָר פון אַ דייטשיש-יידישער, און אין יענע צייטן איז אַ שידוך צווישן אַזעלכע צוויי יידישע משפּחות געווען אַ זעלטנ-קייט; אין אייניקע קרייזן האָט מען דאָרויף געקוקט קרום, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז די יידן, וואָס רופן זיך געוויינלעך ספרדים (ספּאַרדים — שפּאַנישע) און די יידן, וואָס רופן זיך אשכנזים (אַשקענאַזים — דייטשישע), זיינען אין גרונט פאַרשידן איינע פון די אַנדערע אין כאַראַקטער און אויך אין באַנעמונג. דערפאַר האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געמיינט, אַז משה מאָנטע-פיאָרע און יהודית קאָהען וועלן אוודאי ניט זיין גליקלעך אַלס מאַן און ווייב. אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די, וואָס האָבן אַזוי געקלערט, האָבן ניט געטראָפן. אין די אַלע יאָרן, וואָס משה און יהודית האָבן געלעבט אין איינעם, זיינען זיי געווען אַ מוס-טער פון געטרייע און איבערגעגעבענע מאַן און ווייב און זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און אַזוי הויך געשעצט איינע די אַנדערע, אַז אַלע האָבן זיי מקנא געווען דאָרויף. ס'איז שווער געווען צו געפינען נאָך אַזאַ פּאָרפאָלק, וואָס זאָל פירן אַזאַ שיין

לעבן ווי משה און יהודית מאַנטעפיאָרע האָבן געפירט אין די אַלע פופציק יאָר, וואָס זיי זיינען געווען מאַן און ווייב.

פון קליינערהייט אָן האָט משה מאַנטעפיאָרע אַרויסגעוויזן פעאיקייטן אין אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך נאָר גענומען. צו דעם איז ער נאָך געווען זייער פלייסיק אויך; ער האָט ניט ליב געהאַט צו טאָן זאַכן אַבי אָפּצוקומען; ער האָט אין אַלץ געמוזט אַריינלייגן זיין גאַנצע ענערגיע; ער האָט אַלץ געוואָלט וויסן און פאַרשטיין ריכטיק און גרינטלעך. דאָס האָט אים שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן עלטער, אַ סך אַרויסגעהאָלפן זיך צו דערשלאָגן צו אַ הויכן שטאַנד אין לעבן און האָבן גרויס דערפאָלג אַלס געשעפטסמאַן. פונקט ווי זיין פאָטער און אויך זיין זיידע, האָט ער געהאַט אַ נאָמען פון אַן ערלעכן געשעפטסמאַן, וואָס האַלט וואָרט. און אַזוי ווי ער האָט דערצו נאָך געהאַט זייער גוטע פאַרבינדונגען אויך און האָט זיך אָנגעקערט מיט די רייכסטע און אָנגעזעענסטע יידישע משפחות אין לאָנדאָן, איז אים געגאַנגען גוט אין די אַלע געשעפטן, וואָס ער האָט געפירט. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, איז ער שוין געווען זייער אַ רייכער מענטש.

ער איז אָבער ניט געווען פון די, וואָס האָבן ליב געלט און ביי וועמען דאָס געלט איז אַלץ אין דער וועלט. זיין גרויסע רייכקייט האָט אים ניט פאַרפירט אויף אַזעלכע וועגן, אַז ער זאָל ניט וועלן וויסן, ווי אַזוי עס לעבן די אָרעמע; עס האָט אים אויך ניט אָפּגעריסן פון זיין פאָלק. ווען ער האָט געזען, אַז די גרויסע געשעפטן, וואָס ער פירט, נעמען ביי אים צו אַזוי פיל צייט, אַז ער קען זיך ניט אָפּגעבן מיט קיין געזעלשאַפטלעכע זאַכן, האָט ער אָנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען אַזוי, אַז ער זאָל קענען לעבן ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַנדערע. ווען ער איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, האָט ער באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פון יענע געשעפטן, וואָס האָבן ביי אים צו פיל צייט צוגענומען. ער איז אין גאַנצן אַוועק פון דער לאָנדאָנער בירזע (סטאָק עקסטשעינדזש), וואו ער האָט פריער אַ גרויסע ראָלע גע-

שפּילט און אַ סך געלט געמאַכט; ער האָט דאָרט מער ניט געוואָלט זיין; ער איז געבליבן בלויז ביי אַ פּאָר פון די פירמעס, מיט וועל־כע ער איז געווען פאַרבונדן אַלס געשעפטסמאַן, כדי ניט צו פאַר־לירן דעם איינקונפט, וואָס עס קומט אַריין אויף זיין חלק. נאָך דעם ווי ער האָט אַלץ איינגעאָרדנט אַזוי, אַז ער זאָל האָבן גענוג צייט פאַר אַנדערע, האָט ער די גאַנצע פרייע צייט זיינע אַוועקגעגעבן פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, און אין דעם האָט ער אַריינגע־לייגט נאָך מער ענערגיע, נאָך מער פלייסיקייט, ווי אין די זאַכן, וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע. די אַר־בעט פאַר אַנדערע איז אים געווען ליבער, ווי די אַרבעט פאַר זיך.

אין דער הייך און אין דער נידער

אין יענע צייטן האָבן זיך אין גאַנץ ענגלאַנד געפונען ניט מער, ווי דרייסיק טויזנט יידן, און פון זיי האָבן צוואַנציק טויזנט געוואוינט אין לאָנדאָן.

געלעבט האָט זיך דעמאָלט די יידן אין ענגלאַנד גאָרניט שלעכט. די מערסטע פון זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט האַנדל און עס זיינען צווישן זיי געווען אַ סך רייכע לייט. אויך גאָר גרויסע גבֿירים האָט מען צווישן זיי געקאָנט געפינען. אַזעלכע, וואָס האָבן געשפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָלע אינעם האַנדל פון דעם לאַנד און געהאַט פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע לייט אין די גאָר הויכע פענצטער. אַפילו אין קיניגלעכן הויף האָבן זיי אָנגעשפּאַרט און מען האָט זיי דאָרט אויפגענומען זייער פיין און זיי אָפּגעגעבן כבוד. צווישן די, וואָס האָבן דערגרייכט אַזאַ הויכן שטאַנד, איז אויך געווען משה מאָנטעפיאָרע. ער און זיין ווייב יהודית זיינען געווען צווישן די געסט, וואָס מען פלעגט איינלאַדן אין קיניגלעכן הויף.

אָבער כאָטש עס איז שוין קיין נייס ניט געווען, אַז אַ ייד אין לאָנדאָן זאָל דערגרייכן אַזאַ הויכן שטאַנד, האָבן די יידן אין ענגלאַנד דאָך ניט געהאַט קיין גלייכע רעכט מיט די אַנדערע בירגער פון לאַנד.

די יידן אין ענגלאַנד האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו קויפן לאַנד. זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין רעכט זיך צו לערנען אין די אוניווערסיטעטן; ניט געטאָרט זיין קיין אַדוואָקאַטן (לאָיערס) און אויך ניט קיין מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט.

אַזעלכע געזעצן קעגן יידן זיינען דעמאָלט געווען איינגעפירט אין ענגלאַנד.

עס איז אמת, אַז אַ היפּשער טייל פון יענע געזעצן איז גע-

בליבן בלויז אויפן פּאַפּיר. אין לעבן האָט מען זיי ניט דורכגע־פירט. די רעגירונגס־באַאַמטע אַליין, סיי אין די שטעט און סיי אין די דערפער, האָבן יענע פאַרעלטערטע געזעצן ניט אָפּגעהיט, און אַ ייד האָט געהאַט די מיגלעכקייט צו קויפן פאַר זיך אַ שטיק לאַנד, ווען ער האָט נאָר געוואָלט. אויך אין אַנדערע ענלעכע פאַלן זיינען די באַאַמטע ניט געווען שטרענג און מען האָט זיך ניט גע־קענט קלאָגן דאַרויף, אַז יידן ווערן פאַרפאָלגט אין לאַנד. אָבער פון דעסטוועגן האָבן זיך די יידן געפילט באַליידיקט פון דעם, וואָס מע שאַפט ניט אָפּ די פאַרעלטערטע געזעצן, וואָס מען האָט אַמאָל אָנגענומען קעגן זיי.

מער ווי פון אַלץ האָבן די יידן אין ענגלאַנד דעמאָלט געליטן פון דעם, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין פּאָליטישע רעכט; אַפילו אין די וואַלן צום פאַרלאַמענט האָבן זיי זיך ניט געטאָרט באַטיי־ליקן, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס קיין מיטגליד אין פאַרלאַ־מענט האָט אַ ייד ניט געטאָרט זיין. אויך קיין רעגירונגס־שטעלעס, אַפילו אַזעלכע, וואָס זיינען ניט געווען קיין גאָר וויכטיקע, האָבן יידן ניט געטאָרט פאַרנעמען. און אין דעם איז שוין ניט געווען דאָס זעלבע, ווי מיט די אַנדערע געזעצן, וואָס זיינען געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר. פאַרקערט, אין דעם איז מען געווען זייער שטרענג און מען האָט דאָס פּינקטלעך אָפּגעהיט.

מען מוז זאָגן, אַז גענומען האָט זיך דאָס ניט פון פיינטשאַפט צו יידן, אויך ניט פון דעם, וואָס מען געטרויט זיי ניט, נאָר פשוט פון דעם, וואָס אין ענגלאַנד האַלט מען זיך אין אַלגעמיין פעסט אָן אַלטע אָנגענומענע איינפירונגען, און עס געדויערט געוויינלעך לאַנג ביז מע שאַפט אָפּ עפּעס, וואָס איז אָנגענומען שוין פון לאַנג. און אַזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט, אַז ביים אָננעמען אַ רעגירונגס־שטעל, אָדער ביים ווערן אַ מיטגליד אין פאַרלאַ־מענט, דאַרף מען געבן אַ שבועה, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז מען שווערט „מיטן אמתן גלויבן פון אַ קריסט", איז אויסגע־

קומען, אַז פאַר אַ יידן איז דאָרט ניט דאָס אָרט, ווייל אַ ייד קען דאָך ביים שווערן אַזוינס ניט זאָגן.

עטלעכע מאָל האָט מען די יידן-פראַגע אויפגעהויבן אין פאַרלאַמענט און מען האָט געהאַלטן רעדעס פאַר און קעגן. צווישן די, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט שטאַרקע רעדעס פאַר יידן און געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי מאַכן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין לאַנד, איז אויך געווען דער באַרימטער ענגלישער גע־שיכטע-שרייבער און פּאָליטיקער, לאָרד טאָמאַס באַבינגטאָן מע־קאָלעי. אויך דער באַרימטער ענגלישער סאָציאַליסט ראָבערט אָוען, האָט שטאַרק געאַרבעט דערפאַר, אַז מע זאָל די יידן אין ענגלאַנד מאַכן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און ער האָט וועגן דעם צוגעשיקט צום פאַרלאַמענט אַ באַזונדערע צושריפט, וואָס האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק.

עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד איז אין פאַרלאַמענט אָנגעגאַנגען דער קאַמף, און אַלע מאָל האָט מען וועגן דעם געשטימט ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל. אין דער צייט, ווען דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען, האָבן די אָנגעזעענע יידן אין לאָנדאָן ניט גערוט. וואָס זיי האָבן נאָר געקענט און ווי זיי האָבן נאָר געקענט, האָבן זיי זיך באַניצט מיט דעם גרויסן איינפלוס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין די הויכע קרייזן פון דער ענגלישער געזעלשאַפט. זיי האָבן אויך געזען, אַז מע זאָל צושיקן צום פאַרלאַמענט צושריפטן מיט טויזנטער און טויזנטער אונטערשריפטן, אַז מע זאָל אָפּשאַפן די פאַרעלטערטע געזעצן קעגן די יידן. צווישן די, וואָס האָבן דערפאַר געאַרבעט מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט און ניט גערוט, ביז מען האָט ענדלעך אָפּגעשאַפט די פאַרעלטערטע גע־זעצן קעגן יידן, איז אויך געווען משה מאָנטעפיאָרע.

ביי דער לעצטער אָפּשטימונג אין פאַרלאַמענט, ווען דער פרעמיער-מיניסטער, לאָרד דזשאָהן ראָסעל, האָט אַריינגעטראָגן דעם פאַרשלאָג, אַז מע זאָל אין ענגלאַנד אָפּשאַפן די געזעצן קעגן יידן, האָט סער ראָבערט פּיל, אַליין אַ געוועזענער פרעמיער, גע־

האלטן אַ רעדע וועגן דעם. אין דער רעדע האָט ער באַוויזן ווי נייטיק עס איז אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג; ער האָט באַוויזן, אַז די יידן פון לאַנד פאַרדינען, מע זאָל זיי באַהאַנדלען, ווי גלייכע. אַלס מוסטער האָט ער אַרויסגעשטעלט משה מאָנטעפיאָרע. ער האָט דערביי דערמאָנט די גוטע אַרבעט, וואָס מאָנטעפיאָרע טוט פאַר זיינע אונטערדריקטע ברידער אין די אַנדערע לענדער, וואוּ־הין ער פאָרט, כדי זיי דאָרט צו העלפן, ווען זיי נייטיקן זיך אין זיין הילף. ער האָט אויך דערמאָנט, אַז אַלע מאָל, ווען משה מאָנ־טעפיאָרע פאָרט אין אַן אַנדער לאַנד העלפן זיינע ברידער אין זייער נויט, גיבן אים ענגלישע מיניסטאָרן מיט בריוו צו די רע־גירונגען פון יענע לענדער, און אין די בריוו לויבן זיי אים זייער שטאַרק. מיט דעם העלפן זיי אים דורכפירן זיין אַרבעט מיט דער־פאָלג. „זיי וואָלטן אים אין דעם געהאָלפן נאָך מער, — האָט דער געוועזענער פרעמיער־מיניסטער געזאָגט, — ווען זיי וואָלטן אין די בריוו געקענט דערמאָנען, אַז ביי אונדז אין ענגלאַנד זיינען נישטאָ מער קיין פאַרשימלטע געזעצן קעגן יידן, און אַז יידן האָבן ביי אונדז פונקט די זעלבע רעכט, ווי אַנדערע בירגער.״

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס די פראַגע וועגן רעכט פאַר יידן איז פאַרהאַנדלט געוואָרן אין ענגלישן פאַרלאַמענט. מיט אַ מאַיאָריטעט איז דורכגעגאַנגען דער פאָרשלאַג אָפּצושאַפן די אַלטע געזעצן, און די יידן אין ענגלאַנד האָבן געקראָגן גליי־כע רעכט.

דער בלוט־בילבול אויף יידן אין דער שטאָט דמשק

אין זיין אַרבעט צו העלפן די יידן אין די לענדער, וואו זיין הילף איז געווען נייטיק, האָט זיך משה מאָנטעפיאָרע ניט געפירט אַזוי ווי אַנדערע רייכע לייט, וואָס מיינען, אַז דערמיט, וואָס זיי גיבן די אָרעמע לייט אויף ברויט, האָבן זיי שוין זייער פליכט אָפּגעטאָן.

פאַר אים איז אַזאַ זאַך ניט געווען גענוג, און ער האָט גע־זוכט צו העלפן אויף אַזאַ שטייגער, אַז די אָרעמע און אונטער־דריקטע יידן, וואָס מוזן, נעבעך, אָנקומען צו אַנדערע, זאָלן זיך מיט דער צייט קענען שטעלן אויף די אייגענע פיס און מערניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם.

אַזוי האָט ער געטאָן נאָך דעם ווי ער האָט, אין יאָר 1839, דאָס צווייטע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל (פּאַלעסטינע) אין איינעם מיט זיין ווייב יהודית, וועלכע האָט אים געוויינלעך אויף אַלע זיינע ווייטע און שווערע רייזעס באַגלייט. די אָרעמקייט פון די יידן אין ארץ־ישראל האָט אים שטאַרק גערירט, און ווען ער האָט זיך פון דאָרט אומגעקערט צוריק קיין ענגלאַנד, האָט ער זיך גע־נומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, וואָס זאָל דאָס יידישע לעבן דאָרט אוועקשטעלן אויף אַ פעסטן באָדן.

דער פּלאַן האָט אָבער געמוזט איבערגעריסן ווערן אין מיטן, ווייל באַלד נאָך דעם איז געשען אַזוינס, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ גרויסע שרעק אויף יידן אין די אַלע לענדער, וואו זייער לאַגע איז ניט געווען קיין זיכערע און וואו זייערע שונאים זיינען צו יעדער צייט געווען גרייט צו געפינען אַן אויסרייד זיי נאָך מער צו פאַראומערן דאָס לעבן.

אין דער שטאָט דמשק (דאַמעסעק), וואָס געפינט זיך אין סיריע, איז דאָס געשען: אינעם טאָג פונעם פינפטן פעברואַר,

פונעם יאָר 1840, איז דאָרט פּלוצעם פאַרשוואונדן געוואָרן אַ גלח מיטן נאָמען טהאָמאַס און מען האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען, און שפּעטער האָט מען אים געפונען אַ טויטן.

דער גלח איז געווען אַ שטיקל דאָקטער אויך און ער האָט אין דער שטאָט דמשק געהיילט קראַנקע צווישן קריסטן, טערקן, אַראַבער און יידן. מענטשן, וואָס האָבן דעם גלח טהאָמאַס גוט געקענט און זיך מיט אים אָפט געטראָפן, האָבן דערציילט, אַז אינעם טאָג, ווען ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט ער זיך געקריגט מיט אַ טערק און יענער האָט געשריען, אַז ער וועט אים דערהרגענען. דאָך האָט מען אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דערהרגעט האָבן אים יידן און אַז געטאָן האָבן זיי דאָס ווייל זיי באַניצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח.

דאָס איז געווען איינער פון יענע געמיינע בילבולים, וואָס בייזע שונאים האָבן שוין ניט איין מאָל אויסגעטראַכט אויף יידן, כאָטש עס איז קיין מאָל קיין גרונט ניט געווען דערויף. און אין דעם מיאוסן בילבול אויף די יידן אין דער שטאָט דמשק האָט גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע דער פראַנצייזישער קאָנסול ראַטי מענ־טאָן, וועלכער איז געווען אַ ביטערער שונא פונעם יידישן פאָלק.

אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, האָט דער פראַנצייזישער קאָנסול געטאָן אויפצוהעצן די קריסטלעכע באַפעלקערונג קעגן די יידן. אין דער שטאָט דמשק האָט אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די יידן זיינען דאָרט קיין איין טאָג ניט געווען זיכער מיטן לעבן.

ווי עס איז געוויינלעך אין אַזאַ פאַל, האָט זיך אַלע מאָל געפונען אַן אַנדערער, וואָס האָט דערציילט אַ געשיכטע, אַז ער אַליין האָט אין יענעם טאָג געזען, ווי דער גלח טהאָמאַס איז אַריינגעקומען צו דעם און צו יענעם היילן אַ קראַנקן, און דאַן האָט מען אַרעסטירט איינעם אַ יידישן פריזירער (באַרבער) און

מען האָט אים אין געפענקעניש אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז ער האָט זיך „מודה געווען״, אַז ער איז אין דעם מאָרד שולדיק.

דאָס איז געווען ניט אמת. דער אָרעמער יידישער פּריזי־רער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט שוין מער די שרעק־לעכע פּייניקונגען ניט געקענט אַריבערטראָגן. נאָך דעם האָט מען אַרעסטירט אַכט פון די אָנגעזעענסטע יידן אין דמשק און מען האָט זיי אויך שרעקלעך געפּייניקט אין געפענקעניש. צוויי פון זיי, יוסף לאַנאַדאַ, אַן אַלטער מאַן פון אַכציק יאָר, און דוד האַראַרי, האָבן די שרעקלעכע פּייניקונגען ניט געקענט אַריבערטראָגן און זיי זיינען געשטאָרבן אין געפענקעניש. אַ דריטער, איינער אַ משה אַבולאַפיאַ, האָט זיך געשמדט און אָנגענומען דעם מאַכמעדאַ־נישן גלויבן, כדי דערמיט זיין לעבן צו ראַטעווען.

ווען מען האָט געזען, ווי די אַנדערע אַרעסטירטע יידן האַלטן זיך שטאַרק און מוטיק און זיי לייקענען דעם געמיינעם בילבול, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף זיי, האָט מען געכאַפּט זעכציק יידישע קינדער, זיי פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטער צימער און זיי די גאַנצע צייט קיין עסן ניט געגעבן. מיט דעם האָט מען געוואָלט צווינגען די יידן פון דמשק, זיי זאָלן נעמען אויף זיך די שולד און צוגעבן, אַז זיי האָבן דערהרגעט דעם גלח און אַז געטאָן האָבן זיי דאָס, ווייל יידן באַניצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח. אָבער עס האָט אַלץ ניט געהאָלפן — די יידן האָבן דעם געמיינעם בילבול געלייקנט.

וואָס אַ מאָל איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער, ווייל דער ראַטי מענטאָן, דער פראַנצייזישער קאָנסול אין דמשק, האָט ניט גערוט. און איין מאָל, ווען מען האָט געפונען ביינער אין אַ קאַנאַווע, ניט ווייט פון דער שטוב, וואו דוד האַראַרי האָט געוואוינט איידער מען האָט אים פאַרפּייניקט צום טויט, האָט דער קאָנסול דערפון אַ גאַנצן טומל געמאַכט; ער האָט גע־זאָגט, אַז דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז יידן האָבן דעם קריסטלעכן גלח דערהרגעט. אַפילו דאַן, ווען עס האָט זיך

אַרויסגעוויזן, אַז די ביינער, וואָס מען האָט געפונען אין דער קאַנאַווע, זיינען גאָרניט פון קיין מענטשן, נאָר פון אַ שעפּס. האָט ער זיך ניט איינגעשטילט און האָט ווייטער געהעצט. און מען האָט אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש נאָך און נאָך יידן. כאָטש אַלע האָבן דעם בילבול געלייקנט און עס זיינען ניט געווען קיין באַווייזן קעגן זיי, האָט דער בייזער פראַנצייזישער קאָנסול דאָך געפאָדערט, אַז מע זאָל די אַלע אַרעסטירטע יידן באַשטראָפן מיט טויט.

כאָטש עס האָט געהייסן, אַז בלויז די יידן פון דמשק שטייען אונטער אַזאַ קלאָגע, האָט דאָס דאָך געמיינט, אַז אין דער אמתן זיינען אין דעם אָנגעקלאָגט די יידן פון דער גאַנצער וועלט. אין אַלע לענדער האָבן די שונאים פונעם יידישן פאָלק אַרויסגעקוקט דאַרויף, אַז עס זאָל אין דמשק באַוויזן ווערן, אַז יידן באַנוצן קריסט־לעך בלוט אויף פּסח. דאָס וואָלט זיי געגעבן אַן אויסרייד נאָך מער צו העצן קעגן יידן. אַזוי איז טאַקע געווען: נאָך איידער מען האָט געפונען אַ גרונד צו באַווייזן, אַז די יידן אין דמשק זיינען שולדיק אין דעם מאָרד פונעם גלח טהאָמאַס, האָט מען אויפן אינדזל רהאָדעס אויך געמאַכט פּונקט אַזאַ בילבול אויף יידן און עס האָבן דאָרט אויך אויסגעבראָכן פּאָגראָמען. אויך אין די שטעט סמירנע און ביירוט זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען; וואָס אַ מאָל איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער.

דער בלוט־בילבול אין דמשק האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף יידן איבער דער גאַנצער וועלט. ווען משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, וואָס דאָרטן קומט פאָר, האָט ער באַשלאָסן, אַז מע מוז גלייך עפּעס טאָן. ער האָט צונויפגערופן צו זיך אַהיים די אָנגעזעענסטע לאָנדאָנער יידן אויף אַ באַראַטונג. אויף יענער באַראַטונג איז אויך געווען דער באַרימטער פראַנציי־זישער ייד אַדאָלף קרעמיע, וואָס האָט נאָך פריער געהאַט גע־רעדט וועגן דעם מיטן פראַנצייזישן קיניג לואיס פיליפּע. קרעמיע האָט אויף דער לאָנדאָנער באַראַטונג דערציילט, אַז אין פּאַריז האָט

דער קיניג צוגעזאָגט אים צו העלפֿן אין דעם, ער פֿאַרשטייט אָבער, אַז ביים צוזאָגן וועט דאָס בלייבן, וואָרעם פֿון דעם, וואָס ער האָט געהערט, איז קלאָר, אַז די רעגירונג פֿון לואים פֿיליפּע איז קעגן די יידן פֿון דמשק. דאָס לוינט זיך איר בעסער פֿאַר די אינ־טערעסן, וואָס זי האָט אין סיריע.

איז געבליבן, אַז קיין דמשק זאָלן פֿאָרן עטלעכע אָנגעזעענע ענגלישע יידן און דער פֿירער זאָל זיין משה מאָנטעפֿיאָרע. אָבער איידער מען האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויף דער וויטער רייזע קיין סיריע, איז געווען נייטיק צוצוגרייטן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד און זען, אַז ניט נאָר יידן, נאָר אויך קריסטן זאָלן זיין פֿאַראינטערעסירט אין דעם. מען האָט אויך געדאַרפֿט אַריינ־ציען אין דעם די אָנגעזעענסטע לייט פֿון דער ענגלישער רעגי־רונג. דאָס האָט אויף זיך גענומען משה מאָנטעפֿיאָרע; ער האָט זיך געזען מיט דער קיניגין וויקטאָריע און גערעדט מיט איר וועגן דעם. זי האָט האָט אים צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, צו העלפֿן די יידן אין דמשק צו באַווייזן זייער אומשולד. אויך מיט לאָרד פּאַלמערסטאָן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען דער קיניגין וויקטאָריעס אויי־סערן־מיניסטער, האָט ער זיך געזען. יענער האָט אים געגעבן בריוו צו אַלע ענגלישע רעגירונגס־פֿאַרטרעטער אין סיריע, אַז זיי זאָלן אים שיין אויפֿנעמען און טאָן פֿאַר אים אַלץ.

דער לאָרד ־ מעיאָר פֿון לאָנדאָן האָט צונויפֿגערופֿן אַ גרויסע מאַסן־פֿאַרזאַמלונג, דאָרטן האָבן גערעדט גרויסע ענגלישע שריפֿט־שטעלער און פּאָליטיקער. די פֿאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען אַ רעזאָ־לוציע, וואָס האָט אויסגעדריקט די וואָרעמסטע געפֿילן צו די יידן פֿון דמשק און רהאָדעס און דעם שטאַרקסטן צאָרן קעגן די, וואָס האָבן אויף זיי אויסגעטראַכט אַזאַ געמיינעם בלוט־בילבול.

אַזוי איז אויסגעקומען, אַז משה מאָנטעפֿיאָרע און די אַנ־דערע, וואָס זיינען מיט אים געפֿאָרן קיין סיריע, האָבן פֿאַרטראָטן ניט נאָר די יידן, נאָר אויך די גאַנצע ניט־יידישע געזעלשאַפֿטלע־כע מיינונג פֿון ענגלאַנד. אין אַ געוויסן זין זיינען זיי אויך געווען



מאָנטעפיאָרע ביים טערקישן סולטאַן אַבדול-מעדזשיד

די שלוחים פון דער ענגלישער רעגירונג. דער פראַנצייזישער ייד אַדאָלף קרעמיע איז אויך מיט זיי מיטגעפאָרן.

אינעם טאָג פונעם זיבעטן יולי, פונעם יאָר 1840, איז משה מאָנטעפיאָרע, אין איינעם מיט די אַנדערע שלוחים, אַרויסגעפאָרן פון לאָנדאָן. ווי אַלע מאָל איז זיין ווייב יהודית אויך געפאָרן מיט אים. ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע, האָט ער זיך גלייך געווענדט צו דעם פּאַשאַ מאַכמעד־אַלי, וועלכער איז דאַן געווען דער הערשער פון סיריע. ער האָט דעם פּאַשאַ געבעטן, ער זאָל אים לאָזן פאָרן קיין דמשק. אָבער דער פראַנצייזישער קאָנסול ראַטי מענטאָן האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם און דער פּאַשאַ מאַכמעד־אַלי האָט מאָנטעפיאָרען קיין דמשק ניט געלאָזט פאָרן.

משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך דערפאַר ניט דערשראָקן. ער האָט געוואונען אויף זיין זייט די אויסלענדישע קאָנסולן אין סיריע און אין דעם האָבן אים אַ סך געהאָלפן די בריוו, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פון ענגלישע מיניסטאָרן; מיטן אויסנאַם פונעם פראַנצייזישן קאָנסול, וועלכער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, האָבן אַלע אַנדערע אויסלענדישע קאָנסולן אין סיריע געקוקט אויף אים ניט נאָר ווי אויף אַ פאַרטרעטער פון די ענגלישע יידן, נאָר אויך ווי אויף אַ פאַרטרעטער פון דער ענגלישער רעגירונג. צו דעם האָבן זיי נאָך הויך געשעצט די גרויסע מענטשלעכע אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. זיי האָבן דעם פּאַשאַ מאַכמעד־אַלי אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג אינעם נאָמען פון זייערע רעגירונגען, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל צו באַפרייען די אָנגעקלאָגטע יידן.

דאַן האָט מאַכמעד־אַלי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל די אָנגעקלאָגטע צו באַפרייען. אָבער עס איז אויסגעקומען, אַז זיי ווערן ניט ריינגעוואַשן פונעם בלוט־בילבול, וואָס מען האָט געמאַכט אויף זיי, נאָר זיי ווערן גלאַט באַגנאַדיקט. דאָס האָט משה מאָנטעפיאָרע ניט געוואָלט און ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז מען האָט געביטן דעם באַפעל און עס איז בפירוש אַריינגעשטעלט געוואָרן אַהין, אַז

די אַנגעקלאָגטע יידן ווערן „ערנהאַפט באַפרייט". דאָס האָט באַ־
טייט, אַז זיי וו̊ערן אין גאַנצן ריינגעוואַשן פונעם בלוט־בילבול.

די אַנגעקלאָגטע זיינען באַפרייט געוואָרן. גראָד דאַן האָט זיך
די לאַגע אין סיריע געביטן; מאַכמעד־אַלי האָט דאָרט פאַרלאָרן זיין
מאַכט און גאַנץ סיריע איז איבערגעגאַנגען צו דעם טערקישן סולטאַן
אַבדול־מעדזשיד. האָט משה מאָנטעפיאָרע ניט פאַרלאָרן קיין צייט
און איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרט האָט
דער סולטאַן אים און די אַנדערע יידישע שלוחים אויפגענומען מיט
גרויס כבוד, און נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהערט די רעדע, וואָס
משה מאָנטעפיאָרע האָט פאַר אים געהאַלטן, האָט ער צוגעזאָגט
שטענדיק צו באַשיצן די יידן אין סיריע. צו דעם האָט ער נאָך
אַרויסגעגעבן אַ באַזונדערע דערקלערונג, אין וועלכער ער האָט מיט
די שטאַרקסטע ווערטער צוריקגעשליידערט דעם געמיינעם בילבול,
אַז יידן באַניצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח.

דאָס איז געווען אַן אמת גרויסער זיג — ניט נאָר פאַר די
אַנגעקלאָגטע יידן אין דמשק, נאָר אויך פאַר די יידן פון דער
גאַנצער וועלט. און ניט אומזיסט איז די פרייד געווען גרויס אַר־
מעטום אין די אַלע לענדער, וואו יידן האָבן זיך נאָר געפונען.
דער נאָמען פון משה מאָנטעפיאָרע איז געוואָרן נאָך מער באַ־
ליבט, און ווען ער האָט זיך נאָך דעם אומגעקערט צוריק קיין
לאָנדאָן, האָט מען אים דאָרט אויפגענומען מיט זייער גרויס כבוד.
די קיניגין וויקטאָריע אַליין האָט אים אויפגענומען אין הויף און
אים געדאַנקט דערפאַר, וואָס ער האָט געטאָן אַזאַ גוטע זאַך
פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

ביים רוסישן קיסר

אינעם יאָר 1846 איז משה מאָנטעפיאָרע געפאָרן קיין רוסלאַנד זיך אָננעמען פאַר די יידן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט. ווי אַלע מאָל איז ער געפאָרן ניט נאָר ווי אַ שליח פון די ענגלישע יידן, נאָר טיילווייז אויך ווי אַ שליח פון דער ענגלישער רעגירונג, ווייל ענגלישע מיניסטאָרן האָבן אים מיטגעגעבן בריוו, וואָס האָבן אים ניט ווייניק אַרויסגעהאָלפן אין זיין שליחות.

אויפן טראָן פון רוסלאַנד איז דאַן געזעסן ניקאָליי דער ערש־טער. ער איז געווען אַ פאַרביסענער שונא פונעם יידישן פאָלק און געוואָלט אויסראָטן ניט נאָר יידן, נאָר אויך יידישקייט. ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די גזירה צו כאַפּן קליי־נע יידישע יינגעלעך, פון זעקס, אַכט און צען יאָר און עלטער, זיי אָוועקשיקן אין די ווייטסטע געגנטן פון רוסלאַנד און זיי מאַכן פאַר סאָלדאַטן און זיי זאָלן דינען אין דער אַרמיי פינף און צוואַנ־ציק יאָר.

דער שלעכטער קיסר האָט אַלע מאָל אַרויסגעגעבן אַן אַנדער גזירה קעגן יידן. צווישן די גזירות, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, איז אויך געווען אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן אַלע יידן, וואָס וואוינען אין יענע שטעט און שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אין די געגנטן, וואו רוסלאַנד גרענעצט זיך מיט דייטשלאַנד און מיט עסטרייך.

דאָס האָט געמיינט, אַז מער ווי הונדערט טויזנט יידן זאָלן מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען און בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן אַ שטיקל ברויט. און צו דעם האָט דאָס אויך געמיינט, אַז אין אַלגעמיין זאָלן יידן געשטעמפּלט ווערן ווי שונאים פון דעם לאַנד, וואו זיי זיינען געבאָרן געוואָרן. אַ סימן — מע געטרויט זיי ניט צו וואוינען אין אַזעלכע געגנטן, וואו רוסלאַנד גרענעצט זיך מיט אַנדערע לענדער.

איז משה מאָנטעפיאָרע צוליב דעם געפאָרן קיין רוסלאַנד.



מאָנטעפיאָרע ביי דעם רוסישן צאַר, ניקאָליי דער ערשטער

ער האָט געוואָלט אָפּשרייען די גזירה און ראַטעווען די רוסישע ייִדן.

עס איז מער ווי זיכער, אַז דער רוסישער קיסר איז אוודאי ניט געווען צופרידן פון דעם, וואָס אַ פרעמדער מענטש, און דערצו נאָך אַ ייִד, מישט זיך אַריין אין זיינע געשעפטן. ער האָט אָבער געוואוסט, דער שלעכטער קיסר, אַז הינטער דעם ייִדן שטייט די ענגלישע רעגירונג. דערפאַר האָט ער זיינע אייגענע שלעכטע געפילן צו ייִדן און צו ייִדישקייט פאַרבויגן אָן אַ זייט, און ווען משה מאָנטעפיאָרע איז קיין פעטערבורג אָנגעקומען, האָט ער אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. אין דעם טאָג, ווען ער האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין הויף אויסצוהערן זיין פאַרלאַנג, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז די מיליטערישע וואַך ביים הויף זאָל באַשטיין דורכויס פון ייִדישע סאָלדאַטן.

אַלץ, וואָס דער קיסר האָט נאָר געקענט, צו ווייזן דעם באַרימטן ענגלישן ייִדן ווי גאַסטפריינדלעך ער איז צו אים, האָט ער געטאָן. און איין מאָל, אין אַ שבת אין דער פרי, איז צו משה מאָנטעפיאָרע געקומען אַן אָפיצער פון הויף און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— זיין מאַיעסטעט, דער קיסר, האָט געהערט, אַז איר וואָלט היינט געוואָלט גיין אין שול דאַווענען, און ער האָט מיך געשיקט אַהער, איך זאָל אייך ווייזן, וואו אַ שול איז.

ער איז געקומען מיט אַ קאַרעטע, דער רוסישער אָפיצער. ווען משה מאָנטעפיאָרע האָט אים געזאָגט, אַז ער פאָרט ניט אום שבת, האָט ער אים געפירט אין שול אַריין צו פוס.

עס איז געווען ווייט צו גיין צו דער סאָלדאַטסקער שול, וואָס האָט זיך געפונען אין דער רוסישער קרוינשטאָט פעטערבורג. אָבער דער אָפיצער האָט אַרויסגעוויזן איידלקייט און ער איז אין איינעם מיט דעם גרויסן ייִדישן גאַסט פון ענגלאַנד געגאַנגען אין שול אַריין צו פוס.

אָבער ניט צוליב דעם, אַז מע זאָל אים אָפּגעבן כבוד, איז משה

מאַנטעפיאָרע געקומען קיין רוסלאַנד. ער איז געקומען אַהין העלפן די יידן. אין דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיטן קיסר, האָט ער אים געזאָגט, אַז יידן זיינען אומעטום געטריי דעם לאַנד און אַז צו דעם זיינען זיי נאָך זייער פעאיק און אַרבעטזאַם און זיי קענען ברענגען גרויסע נוצן, ווען מען גיט זיי נאָר די מיג־לעכקייט. ער האָט מיטן קיסר גערעדט שטאָלץ און מוטיק; ער האָט אים געזאָגט, אַז מע וואָלט די יידן אין רוסלאַנד געדאַרפט געבן גלייכע רעכט, און ער האָט אים געבעטן, ער זאָל צוריקרופן דעם באַפעל אַרויסצוטרייבן די יידן פון יענע שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אין די געגנטן, וואו רוסלאַנד גרענעצט זיך מיט דייטשלאַנד און מיט עסטרייך.

פאַר דער צייט, וואָס משה מאַנטעפיאָרע איז געווען אין פּע־טערבורג, האָט ער זיך געזען מיט די אַלע מיניסטאָרן, וואָס האָבן געהאַט אַן איינפלוס. פון זיי איז אים ניט אַלע מאָל אויסגעקומען צו הערן זאַכן, וואָס האָבן אים געקענט זיין צום האַרצן; אַזוי איז געווען, ווען ער האָט גערעדט מיטן גראַף קיסעליעוו, וועלכער האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער יידישער פראַגע אין רוסלאַנד. דער גראַף האָט אָפן אַרויסגעוויזן זיין פיינדשאַפט צו יידן; ער האָט געזאָגט, אַז די יידן אין רוסלאַנד זיינען גרויסע פאַנאַטיקער, צו־ריקגעשטאַנענע מענטשן, און אַז שולדיק אין דעם איז דאָס, וואָס זיי לערנען גמרא און זיינען פאַרגלייבט אין אַלץ, וואָס דאָרט שטייט געשריבן. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז אים פּערזענלעך וואָלט ניט געאַרט, ווען אַלע יידן פאַרלאָזן רוסלאַנד. דערביי האָט ער זיך נאָך געוויצלט אויך און געראָטן מאַנטעפיאָרען, אַז ער זאָל אויף זיין חשבון אַרויספירן פון רוסלאַנד כאָטש אַ צען טויזנט יידן און זיי באַזעצן אין פּאַלעסטינע, אָדער ערגעץ אין אַן אַנדער לאַנד.

ער האָט אָבער דאָך קיין שלעכטן איינדרוק ניט געוואָלט אי־בערלאָזן אויפן גאַסט. ער האָט געוואוסט, אַז הינטער דעם גאַסט שטייט די ענגלישע רעגירונג. ער האָט דעריבער געהאַלטן פאַר נייטיק צו מאַכן דערביי אַ באַמערקונג: — איך פּערזענלעך ווידער,

— האָט ער געזאָגט, — בין איך גרייט צו זען, ווען איר וועט דאָס נאָר פאַרלאַנגען.

עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט. זייער אַ שווערע. אָבער משה מאָנטעפיאָרע האָט ניט גערוט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירן, ער האָט געשיקט צושריפטן וואוהין מען האָט נאָר געדאַרפט און צו וועמען עס איז נאָר געווען נייטיק. דער סוף איז געווען, אַז אַדאַנק זיין מי איז טאַקע די גזירה אַרויסצוטרייבן די יידן פון די גרענעץ-שטעטלעך אָפּגעלייגט געוואָרן. ווען משה מאָנטעפיאָרע איז געפאָרן צוריק און אויפן וועג זיך אָפּגעשטעלט אין ווילנע, אין קאָוונע און אין וואַרשע, האָבן די יידן אומעטום אים אויפגענומען מיט פרייד און זיין נאָמען איז ביי זיי געוואָרן שטאַרק באַליבט.

אין קאַמף קעגן רוימישן פּויפּסט

ניט אַלע מאָל האָט זיך משה מאָנטעפיאָרען איינגעגעבן דורכ־צופירן זיין שליחות אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. יעדע שליחות איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קאַמף קעגן די, וואָס האָבן געהאַט די מאַכט אין די הענט. דעם שווערסטן קאַמף האָט ער געהאַט מיט דעם רוימישן פּויפּסט, פּיוס דער נײַנטער.

אינעם יאָר 1858 איז דאָס געשען. אין דער שטאָט באָלאָניאַ, וואָס אין איטאַליע. אין דער נאַכט פונעם 24טן יוני האָבן זיך עטלעכע באַוואָפנטע זעלנער פונעם פּויפּסט אַרײַנגעריסן אין הויז פון אַ ייִדן, וואָס האָט געהייסן מאָמאָלאָ מאָרטאַראַ, און האָבן מיט געוואַלד אַוועקגעשלעפּט זיין זיבניאָריק ייִנגעלע עדגאַר.

געטאָן האָבן זיי דאָס אויפן באַפעל פונעם פּויפּסט. דער אויס־רייד איז געווען, אַז דעם ייִדנס קריסטלעכע דינסט, איינע אַ אַנאַ מאָריסי, האָט זיך מודה געווען פאַר אַ קאַטוילישן גלח, אַז נאָך מיט זעקס יאָר צוריק, ווען דאָס ייִנגעלע איז אין גאַנצן איין יאָר אַלט געווען, האָט זי אים שטילערהייט אָפּגעשמדט.

ווען מען האָט די דינסט געפרעגט, פאַר וואָס זי האָט דאָס געטאָן, האָט זי געענטפערט, אַז דאָס קינד איז דאַן געווען אַזוי קראַנק, אַז מען האָט זיך שוין אויף זיין לעבן ניט געריכט, האָט זי אים שטילערהייט אָפּגעשמדט, כדי צו „ראַטעווען זיין נשמה".

אויף דעם גרונד האָט דאָס דער רוימישער פּויפּסט אַרויסגע־געבן דעם באַפעל צוצונעמען דאָס ייִנגעלע מיט געוואַלד ביי זיינע ייִדישע טאַטע־מאַמע און אים דערציען ווי אַ קריסט.

עס האָבן ניט געהאָלפן דעם ייִדישן פאָטערס טענות. עס האָבן אויך ניט געהאָלפן דער ייִדישער מוטערס טרערן — דער באַשלוס פונעם פּויפּסט איז געווען, אַז דאָס ייִדישע ייִנגעלע עדגאַר

מאַרטאַראַ איז אַ קריסט און אַז עס איז די פליכט פון דער קאַ־טוילישער קירך צו זען, אַז ער זאָל דערצויגן ווערן ווי אַ קריסט.

צווישן די יידן פון איטאַליע האָט דאָס אַרויסגערופן גרויס צאַרן. אָבער זיי האָבן זיך גאָרניט געקענט העלפן, ווייל די מאַכט פונעם רוימישן פויפסט איז געווען זייער שטאַרק און קיינער האָט זיך ניט געקענט שטעלן קעגן זיין ווילן. אויך אַ שרעק האָט דאָס אויף זיי אַרויפגעוואָרפן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנפאַנג און אַז באַלד וועלן זיך געפינען נאָך קריסט־לעכע מיידלעך, וואָס דינען אין יידישע הייזער, און זיי וועלן דערציילן געשיכטעס, אַז זיי האָבן שטילערהייט אָפּגעשמדט יידישע קינדער, און דער פויפסט וועט באַפעלן, אַז מע זאָל די קינ־דער מיט געוואַלד צונעמען ביי זייערע יידישע טאַטע־מאַמע און זיי דערציען אַלס קריסטן.

האָבן די יידן פון איטאַליע זיך געווענדט צו משה מאָנטע־פיאָרע, אַז ער זאָל קומען זיי העלפן, און ווי געוויינלעך האָט ער זיך באַלד אָפּגערופן דאַרויף.

אַן אַלטער מאַן פון זעקס און זיבעציק יאָר איז משה מאָנטע־פיאָרע שוין דאַן געווען. דאָך האָט ער זיך אונטערגענומען די שווערע רייזע צו מאַכן, און דעם 3טן מערץ פונעם יאָר 1859 איז ער אָרויסגעפאָרן קיין רוים זיך צו זען מיטן פויפסט. ווי עס איז געוויינלעך געווען זיין שטייגער, האָט ער זיך אויך דאָס מאָל פאַר־זאָרגט מיט דער שטיצע פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע איז אַלע מאָל געווען גרייט אים צו העלפן, ווען ער איז ערגעץ געפאָרן זיך אָננעמען פאַר יידן. דער ענגלישער אויסערן־מיניס־טער, לאָרד מאַלמעסבורי, האָט אים מיטגעגעבן בריוו צו דעם ענגלישן דיפּלאָמאַטישן פאָרטרעטער אין רוים, און דאָס האָט גע־מיינט, אַז דורך דעם וועט ער קריגן די מיגלעכקייט זיך צוצושלאָגן צום רוימישן פויפסט.

אָבער ווען ער איז קיין רוים אָנגעקומען, האָט ער אויסגע־פונען, אַז אַפילו דאָס וועט ניט העלפן. מענטשן, וואָס זיינען גע־

ווען גוט באַקאַנט מיט דער גאַנצער לאַגע און געוואוסט די שטע־לונג פונעם פּויפּסט, האָבן מאָנטעפיאָרען געזאָגט, אַז די גאַנצע מי וועט זיין אומזיסט — פּיוס דער ניינטער וועט אים ניט אויפ־נעמען און זיין באַשלוס ניט אָפּצוגעבן צוריק דאָס יידישע יינגעלע וועט ער ניט בייטן.

זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער גאַנצער געשיכטע איז דאַן אויך געווען דער פראַנצייזישער אַמבאַסאַדאָר, דער פירשט גראַמאָן, ווייל ניט קיין אַנדערער ווי נאַפּאָלעאָן דער דריטער אַליין, דער יעמאָלטיקער הערשער פון פראַנקרייך, האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין דעם, צו ווירקן אויפן פּויפּסט, אַז ער זאָל דאָס יידישע יינגעלע עדגאַר מאָרטאַראַ אָפּגעבן צוריק צו זיינע טאַטע־מאַמע. האָט מען מאָנטעפיאָרען געראָטן, אַז נאָך איידער ער ווענדט זיך צום ענגלישן דיפּלאָמאַטישן פאָרטרעטער אין רוים, זאָל ער זיך בעסער פריער ווענדן צום פראַנצייזישן דיפּלאָמאַטישן פאָרטרעטער. אָבער דאָס האָט משה מאָנטעפיאָרע ניט געוואָלט טאָן און ער האָט דאַרויף געענטפערט אַזוי:

„איך בין אויף אַזוי ווייט אַן ענגלענדער, אַז די הילף פון אַן ענגלישן דיפּלאָמאַטישן פאָרטרעטער איז ביי מיר אין אַזעלכע פאַלן בילכער, ווי די הילף פון אַנדערע דיפּלאָמאַטישע פאָרטרע־טער”.

און ער האָט ניט געמאַכט קיין איין וויכטיקן שריט, איידער ער האָט זיך וועגן דעם באַראָטן מיטן אַמבאַסאַדאָר פון ענגלאַנד. דאָס איז געווען זייער קלוג אויסגערעכנט.

די צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט האָבן אין יענער צייט אַ סך געשריבן וועגן דער געשיכטע מיט דעם יידישן יינגעלע. אַלע האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז דער פּויפּסט איז באַגאַנ־גען אַ פאַרברעכן, וואָס פאַרשאַפט ניט קיין כבוד דער קאַטוי־לישער קירך, ווייל וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מע זאָל מיט געוואַלד צונעמען אַ קינד ביי טאַטע־מאַמע? אויך קיניגן פון לענדער, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן פריינדלעכע באַציאונגען מיטן

רוימישן פויפסט, האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם. צווישן זיי איז אויך געווען דער עסטרייכישער קיניג פראַנץ יאָסעף. אָבער וואָס מער די וועלט האָט זיך פאַר דעם יידישן יינגעלע איינגע־שטעלט, אַלץ מער איז פיוס דער ניינטער געוואָרן פאַרביסן און איינגעעקשנט. איין מאָל, ווען עס איז צו אים געקומען אַ יידי־שע דעלעגאַציע פון רוים צו ריידן מיט אים גאָר וועגן עפּעס אַנ־דערש, ווייל וועגן דער מאָרטאַראַ־געשיכטע האָבן זיי מיט אים גאָר מורא געהאַט צו ריידן, האָט ער אַליין גאָר אָנגעהויבן ריידן דערפון און האָט אויף זיי זיין גאַנצן צאָרן אויסגעגאָסן.

„דאָס איז דער אומגליק מיט אייך — האָט ער אויף די יידן געשריען. — איר האָט פון גאַנץ איראָפּע געמאַכט אַ זודיקן קעסל און אָנגעצונדן אַ פייער איבער דער מאָרטאַראַ־געשיכטע! איר האָט צוגעגאָסן בוימל אויפן פייער. איר האָט צעשפּרייט די פלאַ־מען. איר האָט אָנגעהעצט די רעדאַקציעס פון די צייטונגען אי־בער דער גאַנצער וועלט. אָבער זאָלן די צייטונגען שרייבן, וואָס זיי ווילן. איך לאָך זיך אויס פון זיי!”

אַזוי האָט דער פויפּסט געשריגן אויף די יידן, און דערביי האָט ער שטאַרק באַליידיקט דעם הויפּט פון דער דעלעגאַציע און אים אָנגערופן „נאַר”. ווען יענער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן מיט אונטערטעניקייט און געזאָגט, אַז די יידן פון רוים זיינען אין דעם ניט שולדיק און אַז זיי באַדויערן, וואָס עס איז אַרום דער מאָרטאַראַ־געשיכטע געוואָרן אַזאַ טומל איבער דער גאַנצער וועלט, האָט דער פויפּסט זיך אויף אים נאָך מער צעבייזערט, און דאַן האָט זיך דער ייד שטאַרק צעוויינט; אָבער דעם פויפּסט האָט דאָס ניט גערירט, ער איז געבליבן נאָך מער פאַרביסן ווי פריער.

די גאַנצע צייט, וואָס משה מאָנטעפיאָרע איז געווען אין רוים, איז פאַר אים געווען אַ שווערע, זייער אַ שווערע. די פיינד־שאַפט צו יידן האָט זיך דאָרט געפילט אויף יעדן שריט און טריט. מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז מען באַהאַלט קריסטלעכע קינ־דער אין די יידישע שולן, כדי צו קענען מאַכן אַ בילבול, אַז יידן

וועלן זיי קוילען צו באַניצן זייער בלוט אויף פּסח. די שרעק איז שטענדיק געהאַנגען איבערן קאָפּ און יידן זיינען ניט געווען זי־כער מיט דעם, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

עס איז ניט שווער זיך פאַרצושטעלן, וואָס משה מאָנטע־פיאָרע האָט געפילט, ווען ער האָט געזען אָט די אַלע זאַכן. אָבער ער האָט אַליין ניט אויפגעגעבן די האָפענונג זיך צוצושלאָגן צום פויפּסט און ריידן מיט אים. און שפּעטער, ווען ער האָט געזען, אַז די האָפענונג איז אומזיסט, האָט ער מיט דער הילף פונעם ענגלישן דיפּלאָמאַטישן פאַרטרעטער זיך צוגעשלאָגן צום קאַר־דינאַל אַנטאָנעלי, וועלכער איז געווען דעם פויפּסטס שטאַטס־סעקרעטאַר.

גלייך ביים אָנפאַנג פון דער באַגעגעניש איז צווישן די צוויי פאַרגעקומען אַ שטיקל צוזאַמענשטויס, וואָס האָט דעם קאַרדינאַל אַנטאָנעלי אַ ביסל צעטומלט. דער קאַרדינאַל האָט געמיינט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ יידן, וואָס וועט אוודאי אַרונטערשלינגען אַ באַליידיקונג, ווייל ער וועט ניט האָבן קיין מוט צו ענטפערן. האָט ער מיט אים גלייך אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם בלוט־בילבול אין דמשק נאָך מיט יאָרן צוריק, און אַזוי ריידנדיק, האָט ער זיך געגעבן אַ זאָג:

„עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, — מאַכט ער אַזוי צו אים, — וויפל געלט פון ראָטשילדס מיליאָנען איז אויס־געגעבן געוואָרן דערויף, אַז עס זאָל זיך אויסדרייען אַזוי, אַז די אָנגעקלאָגטע יידן זיינען ניט שולדיק?"

און דערויף האָט אים משה מאָנטעפיאָרע גלייך געענטפערט:

„ווייניקער וויפל איך האָב נאָר וואָס געגעבן אייער באַדינער פאַר אויפהענגען מיין מאַנטל דאָ ביי אייך אין קאָרידאָר."

דער ענטפער האָט געטראָפן אין פינטל אַריין. דער קאַרדי־נאַל האָט גלייך איינגעזען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך ניט קיין יידן, וואָס בייגט דעם רוקן, ווען ער קומט מאָנען גערעכטיקייט,

נאָר אַ שטאָלצן, מוטיקן יידן, און דערצו נאָך אַ קלוגן, וואָס דאַרף ניט זוכן אין קעשענע קיין ווערטער ביים געבן אַן ענטפער, וואָס זאָל טרעפן ריכטיק אין ציל. ער האָט דעריבער גלייך געביטן דעם טאָן און אויך זיין באַציאונג. ער האָט מיט מאָנטעפיאָרען אָנגעהויבן ריידן ווי מיט אַ גלייכן, אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך און געזאָגט, אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס ער וועט נאָר קענען, און אַז ער וועט איבערגעבן דעם פּויפּסט די צושריפט, וואָס מאָנטע־פיאָרע האָט אים געוואָלט איבערגעבן פּערזענלעך.

קיין סך האָפענונגען אָבער האָט ער ניט געגעבן. ער האָט בלויז צוגעזאָגט, אַז מער וועט אַזוינס ניט געשען; מע וועט מער מיט געוואַלד קיין יידישע קינדער ביי טאַטע־מאַמע ניט צונעמען; אָבער דעם ייִנגל עדגאַר מאָרטאַראַ וועט מען צוריק ניט אָפּגעבן, ווייל די קאַטוילישע קירך האַלט, אַז דורך דעם, וואָס אַ קריסטלעך דינסט־מיידל האָט אים אָפּגעשמדט שטילערהייט, ווען ער איז אין גאַנצן איין יאָר אַלט געווען, איז ער געוואָרן אַ קריסט; ערשט ווען ער וועט אַלט ווערן אַ יאָר זיבעצן, אָדער אַכצן, וועט מען אים געבן די ברירה, ער זאָל אַליין באַשליסן, צי ער וויל ווערן צוריק אַ ייד, צי ניין.

די פאַלשקייט איז דאָ געווען אויבן אויף; עס איז אויסגעקו־מען, אַז אָפּשמדן אים ווען ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין אייגענעם ווילן האָט מען יאָ געקענט, אָבער אים אָפּגעבן צוריק צו זיינע יידישע עלטערן ווען ער אַליין קען נאָך ניט באַשליסן, וואָס ער וויל בעסער זיין, — אַ ייד, אָדער אַ קריסט, — דאָס קען מען ניט.

און די קירך האָט שוין אַכטונג געגעבן דערויף, אַז דאָס ייִנגל עדגאַר מאָרטאַראַ זאָל זיך צוריק צו יידישקייט ניט אומקערן; מען האָט אים דערצויגן אין אַזאַ גייסט, אַז ער איז אויסגעוואַקסן אַן עכטער אַנטיסעמיט. ער האָט פיינט געהאַט יידן ווי דעם טויט און ער איז אַלע זיינע יאָרן פאַרבליבן אַ פאַנאַטישער קאַטוילישער גלח.

קיין גוטס אָבער האָט דאָס דעם רוימישן פּויפּסט דאָך ניט

געטאָן. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער אַליין צוגעגעבן, אַז די גע־
שיכטע מיט דעם יידישן ייִנגל מאָרטאַראַ האָט געבראַכט דערצו,
אַז די פּויפּסטן פון רוים זאָלן אַ היפּש ביסל פאַרלירן פון זייער
מאַכט. עס האָט געמוזט אַזוי זיין, ווייל מיט דעם, וואָס די יידן
האָבן געמאָנט גערעכטיקייט, האָבן זיי אויפגעוועקט די געזעל־
שאַפטלעכע מיינונג פון דער גאַנצער וועלט; אין ענגלאַנד און אין
אַנדערע לענדער האָבן טויזנטער און טויזנטער ערלעכע קריסטן
אַריינגעשיקט פּראָטעסטן צום פּויפּסט; דאָס געוויסן פון דער גאַנ־
צער ציוויליזירטער וועלט איז אַרויסגעקומען קעגן דער האַנדלונג
פונעם רוימישן פּויפּסט. און די וויכטיקסטע ראָלע אין דער גאַנ־
צער געשיכטע האָט געשפּילט משה מאָנטעפיאָרע.

אין קאַמף פאַר די יידן אין רומעניע

ביי יעדער באַגעגעניש מיט מעכטיקע שונאים פונעם יידישן פאָלק איז די באַנעמונג, די האַלטונג פון משה מאָנטעפיאָרע גע־ווען דער בעסטער און שטאַרקסטער באַווייז, אַז עס איז ניט אמת, וואָס מע זאָגט, אַז יידן זיינען שרעקעוודיקע און אַז זיי האָבן ניט קיין מוט. נאָך מער ווי אומעטום האָט ער דאָס באַוויזן מיט זיין האַלטונג אין רומעניע.

אינעם יאָר 1867, ווען משה מאָנטעפיאָרע איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן פון דריי און אַכציק יאָר, איז ער געפאָרן קיין רו־מעניע זיך איינשטעלן פאַר די יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. זייער לאַגע דאָרט איז דאַן געווען זייער אַ שלעכטע; מען האָט זיי באַהאַנדלט ווי פרעמדע, מען האָט ביי זיי צוגענומען אַלע רעכט, מען האָט אויף זיי כלערליי בילבולים אויסגעטראַכט, די גאַנצע צייט האָט מען ניט אויפגעהערט צו העצן די באַפעלקערונג צו מאַכן פאָגראָמען אויף יידן.

דער הערשער איבער רומעניע איז דאַן געווען פרינץ קאַרל, פון דער דייטשישער קייזערלעכער משפחה פון די האָהענצאָ־לערנס, און ער האָט דווקא געפּרוּווט איינשטילן דעם צאָרן קעגן די יידן, כדי עס זאָל אים זיין גרינגער איינצופירן אָרדענונג אין לאַנד. ער איז געווען גרייט צו געבן די יידן גלייכע רעכט און זיי מאַכן פאַר געזעצלעכע בירגער. אָבער אַלץ, וואָס ער האָט גע־פּרוּווט טאָן אין דעם, איז גלייך צעשטערט געוואָרן, ווייל די רייכע פריצים האָבן געהעצט די אומוויסנדע באַפעלקערונג. אַלע מאָל האָט ערגעץ אַנדערש וואו אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז דאָס פאָלק איז קעגן דעם, אַז די רומע־נישע יידן זאָלן קריגן גלייכע רעכט.

ניט ווייניק שולדיק אין דעם איז געווען דער רומענישער פרעמיער־מיניסטער פון יענער צייט, יאָהן בראַטיאַנו; ער איז

געווען אַ פֿאַרביסענער שונא פֿון יידן, און וואָס ער האָט נאָר גע־קענט, האָט ער געטאָן זיי צו דריקן און שטיקן. אויפֿן גרונד פֿון אַלטע, פֿאַרשימלטע געזעצן האָט ער אַ גרויסע צאָל רומענישע יידן געשטעמפּלט אַלס פֿרעמדע און אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל זיי אַרויסטרייבן פֿון לאַנד.

דאַן איז געשען אַ פֿאַל, וואָס האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט:

אין דער שטאָט גאַלאַץ איז דאָס געווען. רומענישע סאָלדאַטן האָבן געכאַפּט צען יידן, מיט געוואַלד זיי פֿאַרשלעפּט צו דער רו־מעניש־טערקישער גרענעץ און זיי געהייסן לויפֿן קיין טערקיי. ווען די צעשראָקענע יידן האָבן געפּרוּווט לויפֿן צוריק, האָבן די רומענישע סאָלדאַטן זיי אַריינגעטריבן אינעם טייך דונײַ און זיי זיינען דאָרט דערטרונקען געוואָרן.

דאָס איז בלויז געווען איין פֿאַל פֿון אַ גאַנצער ריי רציחות און פֿאַרפֿאָלגונגען, וואָס האָבן אויפֿגערודערט די געזעלשאַפֿטלע־כע מיינונג אין דער ציוויליזירטער וועלט. אין ענגלישן פּאַרלאַ־מענט האָט מען וועגן דעם גערעדט און אויסגעדריקט אַ שטאַרקן פּראָטעסט. אויך פֿון פֿראַנקרייך זיינען געקומען פּראָטעסטן קעגן די רציחות אויף יידן אין רומעניע; אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון אַדאָלף קרעמיע האָט די „אַליאַנס איזראַעליט”, דער פֿאַרבאַנד פֿון די פֿראַנצייזישע יידן, געפּרוּווט אַנווענדן איינפֿלוס אָפּצושטעלן די רציחות אויף יידן אין רומעניע, אָבער קיין סך אויפֿטאָן האָט מען ניט געקענט. האָט מען אין לאָנדאָן באַשלאָסן, אַז משה מאָנ־טעפֿיאָרע אַליין זאָל פֿאָרן קיין רומעניע.

איידער ער איז אַרויסגעפֿאָרן, האָט אים די ענגלישע רעגי־רונג באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען נייטיק, אַז מע זאָל זיך צוהערן צו דעם, וואָס ער זאָגט. דאָס מיניסטעריום פֿון אויסלענדישע אַנגעלעגנהייטן איז געשטאַנען הינטער אים. אויך

די רעגירונגען פון די אַנדערע לענדער האָבן צוגעזאָגט אים צו העלפן אין זיין שליחות.

ווען משה מאָנטעפיאָרע איז אָנגעקומען אין דער רומעני־שער הויפּטשטאָט, האָט אים דער פּרינץ קאַרל דאָרט אויפגענומען זייער פיין און אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר אין זיינע כּוחות, אָפּצושטעלן די פאַרפאָלגונגען אויף יידן. אָבער אין דער זעלבער צייט איז די לאַגע אין בוקאַרעסט געווען אַזאַ, אַז אַפילו משה מאָנטעפיאָרע אַליין האָט מיטן לעבן ניט געקענט זיין זיכער. די אייביקע שונאים פון די יידן אין רומעניע האָבן ניט אויפגעהערט צו העצן די אומוויסנדע באַפעלקערונג צו מאַכן פּאָגראָמען; אין דער רומענישער צייטונג „נאַציאָנאַ" האָט מען געשאָטן פעך און שוועבל אויף יידן און אויך אויף משה מאָנ־טעפיאָרע. מען איז אין דעם געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אים אָפן געזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט פאַרלאָזן רומעניע באַ־צייטנס, וועט מען אים דערהרגענען.

אַז מען האָט דאָס טאַקע געמיינט גאַנץ ערנסט, קען מען זען פון דעם, וואָס איין מאָל האָבן זיך הונדערטער באַוואָפנטע לייט צונויפגעקליבן אַרום דעם האָטעל, וואו משה מאָנטעפיאָרע און זיינע באַגלייטער זיינען איינגעשטאַנען. ווילדע קולות האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. אַלע האָבן געשריען, אַלע האָבן גע־ליאַרעמט, און פון אַלע זייטן זיינען געפלויגן שטיינער. עס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געשריען, אַז מע זאָל זיך מיט געוואַלד אַריינרייסן אין דעם צימער, וואו משה מאָנטעפיאָרע וואוינט, און אים דאָרט דערהרגענען.

ווען דער אַלטער, דריי־און־אַכציקיאָריקער זקן האָט דער־הערט, וואָס אין דרויסן טוט זיך, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט עס געעפנט און אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ, האָט ער צו דער ווילדער, צערייצטער מאַסע אויסגעשריען אויפן קול:

— איר ווילט מיך שיסן? נו, שיסט!

דער מוט, די העלדישקייט פונעם אַלטן יידן, וואָס איז פון אַן

אנדער לאַנד געקומען, האָט אויף דער צערייצטער מאַסע אַזוי געווירקט, אַז זיי זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע. עס האָט זיך מער ביי קיינעם די האַנט ניט אויפגעהויבן אַ שטיין צו וואַרפן. עס האָט זיך מער ביי קיינעם דאָס מויל ניט געעפנט אַ קול אַרויסצולאָזן. און ווען עס איז געוואָרן שטיל, האָט משה מאָנטעפיאָרע ווייטער גערעדט, אַרויסברענגענדיק שאַרף און קלאָר יעדער וואָרט:

— איך בין געקומען אַהער צו אייך אינעם נאָמען פון גערעכ־טיקייט און מענטשלעכקייט זיך איינצושטעלן פאַר מענטשן, וואָס ליידן אומזיסט און אומנישט. און אויב איר ווילט מיך שיסן דער־פאַר — שיסט!

קיינער האָט ניט געשאָסן.

גוטע פריינד האָבן דאָך געוואָרנט מאָנטעפיאָרען, ער זאָל זיין אָפּגעהיט און זיך ניט ווייזן אין גאַס, ווייל עס קען נאָך מיט אים אַן אומגליק געשען. אָבער משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך ניט געשראָקן. ער איז געווען גרייט זיין לעבן אַוועקצוגעבן, ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט, אַז דערמיט וועט ער העלפן די יידן אין רומעניע קריגן די רעכט פון בירגער אין דעם לאַנד, וואו זיי זיי־נען געבאָרן. און ער האָט באַשטעלט אַן אָפענע קאַרעטע און איז אין איר געפאָרן איבער די גאַסן פון בוקאַרעסט פראַנק און פריי.

„איך באַהאַלט זיך ניט פאַר קיינעם, — האָט ער געזאָגט, — זאָלן מיך אַלע זען. די זאַך, צוליב וועלכער איך בין געקומען אַהער, איז אַ הייליקע, און איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט.”

די רומענישע רעגירונג האָט אָבער מורא געהאַט, עס זאָל נאָך מיט אים ניט געשען אַן אומגליק. זי האָט דעריבער גע־שיקט סאָלדאַטן אים צו באַוואַכן אומעטום.

דעם 1טן סעפטעמבער פונעם יאָר 1867 האָט משה מאָנטע־פיאָרע פאַרלאָזט בוקאַרעסט. פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער זיך ווי־דער געזען מיט פרינץ קאַרל, און יענער האָט אים ווידער צוגע־

זאָגט, אַז עס וועלן מער קיין פּאָגראָמען ניט פּאַרקומען און אַז יידן אין רומעניע וועלן קריגן גלייכע רעכט. ער האָט אים אויך צוגעשיקט אַ צושריפט, אין וועלכער ער האָט אים בפירוש געזאָגט, אַז עס פרייט אים צו מעלדן, אַז די פיינדשאַפט, וואָס מען האָט פריער אַרויסגעוויזן אין רומעניע צו די יידן, עקסיסטירט מערניט. און משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך אַוודאי שטאַרק געפרייט דערמיט. אָבער שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען צוריק אין לאָנדאָן, האָט ער אויסגעפונען, אַז אויף די צוזאָגעכצן פון פּרינץ קאַרל קען מען זיך ניט פאַרלאָזן. פון רומעניע האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנקומען מעלדונגען וועגן פּאָגראָמען אויף יידן, און ווען ער האָט זיך דורך דער ענגלישער רעגירונג ווידער געווענדט קיין בוקאַרעסט מיט אַן אָנפראַגע, האָט מען אים פון דאָרט ווידער געענטפערט מיט צוזאָגעכצן, אָבער ער האָט שוין געוואוסט, אַז מע קען זיך אויף אַזעלכע צוזאָגעכצן ניט פאַרלאָזן. און צו דעם האָט ער אָבער אויך געוואוסט, אַז אין דעם שווערן קאַמף צו קריגן פאַר יידן גלייכע רעכט אין די לענדער, וואו זיי האָבן דאָס ניט, טאָר מען דעם מוט ניט פאַרלירן. מע דאַרף אין דעם אַרבעטן, און — ווידער און ווייטער אַרבעטן.

יהודית מאָנטעפיאָרע

די לעצטע יאָרן

אין זיין לאַנגן לעבן האָט משה מאָנטעפיאָרע באַזוכט אַ סך לענדער, און אַלץ אין פאַרבינדונג מיט זיין טעטיקייט פאַר די יידן, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין דעם, אַז ער זאָל זיך איינשטעלן פאַר זיי.

אָבער מער ווי אַלע אַנדערע לענדער האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל (פּאַלעסטינע). זיבן מאָל איז ער דאָרט געווען. די ערשטע פינף מאָל איז ער אַהין געפאָרן אין איינעם מיט זיין ווייב יהודית. אָבער נאָכן יאָר 1862, ווען זיין ווייב איז געשטאָרבן, האָט ער די רייזעס שוין געמאַכט אַליין. ער האָט נישט געהאַט קיין אייגענע מיטצונעמען אויף די רייזעס. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט.

ווען ער האָט געמאַכט די לעצטע רייזע קיין ארץ־ישראל, איז ער שוין געווען אַן אַלטער מאַן פון איין און ניינציק יאָר. דאָס איז געווען אין 1875. און פונקט ווי אויף די פריערדיקע באַזוכן אין דעם לאַנד, וואוהין עס האָט אים שטענדיק אַזוי געצויגן, האָט ער דאָס מאָל דאָרט אויך אויפגעטאָן אַ סך גוטע זאַכן פאַר די יידן. וואָס ער האָט נאָר געקענט, האָט ער געטאָן, אַז עס זאָל מערניט זיין אַזוי ווי פריער, ווען בלויז פרומע יידן זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל שטאַרבן; ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַוועקגעלייגט דעם באָדן פאַר אַ ניי יידיש לעבן אין דעם אַלטן לאַנד, וואו יידן האָבן אַמאָל געהאַט אַן אייגענע מלוכה, און ער האָט זיך געפרייט, ווען ער האָט דערלעבט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי יידן פאָרן אַהין — ניט שטאַרבן, נאָר בויען.

ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט אַ ווייטע רייזע צו מאַכן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן העלפן יידן. און צוליב דעם האָט ער רוסלאַנד אויך באַזוכט צוויי מאָל. איין מאָל אינעם יאָר 1846, ווען ניקאָליי דער ערשטער איז נאָך געזעסן אויפן טראָן, און דאָס צווייטע מאָל — אינעם יאָר 1872, ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געזעסן אויפן טראָן.

אַן אַלטער מאַן פון אַכט און אַכציק יאָר איז שוין משה מאָנטעפיאָרע געווען, ווען ער האָט דאָס צווייטע מאָל באַזוכט רוסלאַנד, און געקומען אַהין איז ער ווי אַ שליח פון דער לאָנדאָנער יידישער געמיינדע איבערצוגעבן אַ באַגריסונג צו דעם צוויהונדערטסטן יאָרצייט פון פּיאָטער דעם גרויסן, וואָס מען האָט דעמאָלט געפייערט, און דאָס איז אויך געווען אַ מיטל צו געווינען דעם גוטן ווילן פון דער רוסישער רעגירונג פאַר די יידן, וואָס וואוינען אין לאַנד.

אין רוסלאַנד האָט דאַן געבושעוועט אַ כאָלערע און עס איז דעריבער געווען אַ געפאַר צו פאָרן אַהין. אָבער דעם אַכט־און־אַכציקיאָריקן משה מאָנטעפיאָרע האָט דאָס ניט אָפּגעהאַלטן. קיין

מאָנטעפיאָרע אין קאָוונע, ביי רב יצחק אלחנן

זאך אין דער וועלט האט אים ניט געקענט אפהאלטן, ווען מען האט געדארפט פארן אין א ווייט לאנד העלפן יידן. און ער האט טאקע גוט אויסגעניצט די געלעגנהייט, וואס ער האט געהאט. ווען ער האט זיך דעם 24טן יולי אין פעטערבורג געטראפן מיטן רוסישן קיסר און אים איבערגעגעבן די באגריסונג, האט ער מיט אים שוין אויך גערעדט וועגן די יידן אין רוסלאנד.

גאנצע לעגענדעס האט מען שפעטער געשאפן וועגן דער באגעגעניש צווישן משה מאנטעפיארע און אלעקסאנדער דעם צווייטן. די יידן אין רוסלאנד האבן זיך געפילט זייער דערהייבן ביי זיך, ווען זיי האבן געהערט, ווי דער קיסר אליין איז ספעציעל געקומען צוריק פון די מיליטערישע מאנעווורעס זיך צו טרעפן מיט משה מאנטעפיארע אין פעטערבורגער ווינטער-פאלאץ. אזא גרויסן כבוד האט א רוסישער קיסר קיין יידן קיין מאל ניט צו-געטיילט. יידן אין די קליינע פארווארפענע שטעטלעך האבן גע-פילט פונקט, ווי זיי וואלטן אויך געהאט א חלק אין דעם כבוד, וואס דער קיסר האט אפגעגעבן זייערן א ברודער פון אן אנדער לאנד. אין די שולן און בתי-מדרשים האט מען פארן דאוונען און נאכן דאווענען וועגן דעם וואונדערלעכע מעשיות דערציילט; אר-מעטום האט זיך געפונען א ייד, וואס האט געלאזט לויפן זיין פאנטאזיע וואס ווייטער, און דערציילנדיק צום וויפלסטן מאל, ווי אזוי דער ייד רבי משה מאנטיפיאר האט זיך געטראפן מיטן קיסר אין פעטערבורג, האט ער צוגעגעבן נאך און נאך, פונקט ווי ער וואלט געווען דערביי. די יידן, וואס האבן זיך צוגעהערט צו אים, האבן געשלונגען יעדער ווארט זיינס, כאטש זיי האבן די זעלבע מעשה שוין ניט איין מאל געהערט. אין די הערצער פון טויזנטער און הונדערטער טויזנטער ארעמע און אומגליקלעכע און פאריאגטע יידן האט דאס געוועקט האפענונגען. מען האט גע-גלייבט, אז דאס וועט אוודאי ניט אוועק גלאט אזוי. עס וועט זי-כער קומען א ישועה, און יידן וועלן שוין ניט מער דארפן אריבער-טראגן אזוי פיל צרות און ליידן אויף דער וועלט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט געווען, וואס אויפן וועג

צוריק פון פעטערבורג, ווען משה מאָנטעפיאָרע איז פאַרבייגע־פאָרן ווילנע און קאָוונע, האָבן די יידן אים דאָרט באַגעגנט מיט גרוים פרייד און ווער עס האָט אים נאָר געזען פון דער נאָענט, האָט זיך געשעצט גליקלעך און נאָך דעם שוין געהאַט וואָס צו דערציילן. דער נאָמען פון משה מאָנטעפיאָרע איז ביי קיינעם פון די ליפּן ניט אַראָפּ. אַלע האָבן גערעדט פון אים, אַלע, אָרעמע און רייכע, האָבן זיין פּאָרטרעט אויף די ווענט פון זייערע וואוינונגען אויפגעהאנגען, און ביים דערציילן וואונדער וועגן אים, האָט מען אויפן פּאָרטרעט אָנגעוויזן און געזאָגט:

— דאָס איז אָן אמתער ייד! אַ ייד מיט אַ וואַרעם האַרץ!

אין קאָוונע האָט משה מאָנטעפיאָרע זיך דאָן געטראָפן מיט דעם גרויסן יידישן געלערנטן רבי יצחק אלחנן, אוןביידע האָבן צווישן זיך אַ לאַנגן שמועס געהאַט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד און וועגן דעם, וואָס מע קען טאָן זיי צו העלפן. אויך וועגן אָט דער באַגעגעניש האָט מען שפּעטער אומעטום, אין אַלע קליינע, פאַרוואָרפענע יידישע שטעטלעך, אַ סך גערעדט און אַ סך מעשיות דערציילט. פון מויל צו מויל איז געגאַנגען דאָס ווערטל, אַז אין קאָוונע האָבן זיך געטראָפן צוויי גרויסע יידן, וואָס פאַרמאָגן אַ סך: איינער — רבי יצחק אלחנן — פאַרמאָגט אַ סך תורה, און דער צווייטער — משה מאָנטעפיאָרע — פאַר־מאָגט אַ סך מעשים טובים (גוטע אויפטואונגען).

ער האָט געהאַט זייער אַ וואַרעם געפיל פאַר די יידן פון רוסלאַנד. זיי זיינען אים שטאַרק געפעלן און מיט אַ סך פון זיי האָט ער זיך נאָך דעם אַ לענגערע צייט איבערגעשריבן. פון די פאַרוואָרפנסטע יידישע שטעטלעך פלעגט ער באַקומען בריוו און ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אויף יעדן בריוו צו ענטפערן. ער האָט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען ניט נאָר מיט די פירער פון די רוסישע יידן, מיט די געלערנטע און געבילדעטע לייט, נאָר אויך מיט די אָרעמע מאַסן. ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן דעם גוטן איינדרוק, וואָס די רוסישע יידן האָבן אויף אים איבערגע־

לאַזן אין די צוויי מאָל, וואָס ער האָט רוסלאַנד באַזוכט. ער האָט אויך ניט געקענט פאַרגעסן דאָס, וואָס אין זייער אומבאַהאָלפּנ־קייט גליבן זיי אין אים אַזוי שטאַרק און פאַרלאָזן זיך אויף אים אַזוי פיל; ער האָט געוואוסט, וויפל האָפענונגען זיי לייגן אויף אים, ווען זיי זיינען אין אַ נויט. און אינעם יאָר 1881, ווען עס האָבן אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן די שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף יידן, נאָך דעם ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אויפגעריסן געוואָרן פון אַ באָמבע און אַלעקסאַנדער דער דריטער איז אַרויף אויפן טראָן, האָט זיך משה מאָנטעפיאָרע געריסן צו פאָרן אַהין זיך ווי־דער איינצושטעלן פאַר די יידן, כאָטש ער איז שוין דאַן אַלט גע־ווען אַכט און ניינציק יאָר.

ער האָט ניט געקענט איינזיצן רואיק, ווען יידן זיינען אין אַ נויט, ווען יידיש בלוט ווערט פאַרגאָסן אומזיסט און אומנישט. און ווען זיינע נאָענטע פריינד האָבן אים געזאָגט, אַז אין אַזאַ על־טער, ווען ער איז קראַנק און שוואַך, טאָר ער זיך ניט אונטערנע־מען צו מאַכן אַזאַ רייזע, האָט ער זיי געענטפערט:

„אויב עס איז נייטיק, בין איך גרייט, מע זאָל מיך טראָגן אַהין. זעצט מיך אַריין אין מיין קאַרעטע און פירט מיך אָפּ צו דער באַן. נאָך דעם זאָל מען מיך אַרויפזעצן אויף דער שיף און דאַן ווידער אויף דער באַן, און ווען איך וועל אָנקומען קיין פּע־טערבורג, זאָל מען מיך אַריינטראָגן צום רוסישן קיסר אין הויף אַריין און איך וועל מיט אים ריידן. קיין זאַך אין דער וועלט קען מיך ניט צוריקהאַלטן, ווען מיינע אומגליקלעכע ברידער נייטיקן זיך אין מיין הילף."

עס איז אָנגעקומען שווער, ביז מען האָט ביי אים געפּועלט, אַז דאָס מאָל זאָל ער קיין רוסלאַנד ניט פאָרן. אָבער אין גאַנצן בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט האָט ער דאָך ניט געקענט. מיט די לעצטע כוחות, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אין זיך, האָט ער געטאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען מיגלעך, אויפצוהייבן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז מע זאָל אַרויסקומען מיט אַ

שטאַרקן פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד, און ער איז געווען צופרידן, ווען ער האָט געזען, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלע ענגלאַנד שפּילט אין דעם.

אין יענער צייט האָט מען אין דער אַלטער היסטאָרישער געביידע פון דעם „מענשאַן האוז" אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, וואו באַרימטע קריסטן האָבן מיט די שטאַרקסטע ווערטער אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג באַהאַנדלט אַזוי געמיין און ברוטאַל די יידן, וואָס וואוינען אין לאַנד; צווישן די, וואָס האָבן צונויפגערופן די פאַרזאַמלונג, זיינען געווען אַזעלכע אָנגעזעענע ענגלענדער, ווי דער בישאָפּ פון קענטערבורי, דער גרויסער געלערנטער טשאַרלס דאַרווין און אַנדערע. ווען מען האָט אויף יענער פאַרזאַמלונג דערמאָנט דעם נאָמען פון משה מאָנטעפיאָרע, האָט דער גאַנצער עולם לאַנג אַפּלאָדירט, און דער לאָרד מעיאָר פון לאָנדאָן האָט וועגן אים אין זיין רעדע געזאָגט, אַז ער איז ניט נאָר אַ גרויסער ייד, נאָר אויך אַ גרויסער ענגלענדער.

משה מאָנטעפיאָרע אַליין האָט אָבער צו יענער גרויסער פאַרזאַמלונג ניט געקענט גיין, ווייל זיין טיפער עלטער האָט זיך שוין בעלאָזט פילן. ער איז געווען קראַנק און שוואַך און עס איז אים שווער געווען צו גיין.

***

אינעם יאָר 1884, אינעם טאָג פון 24טן אָקטאָבער, איז משה מאָנטעפיאָרע אַלט געוואָרן הונדערט יאָר. און כאָטש ער איז אין פּערזענלעכן לעבן דעמאָלט געווען אַן עלנטער מענטש, ווייל זיין ווייב יהודית איז שוין לאַנג געווען טויט און קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט, האָט ער דאָך געקענט זאָגן, אַז עס האָט זיך געלוינט דאָס גאַנצע לעבן אָוועקצוגעבן אַזוי פיל מי און אַרבעט פאַר אַנדערע. אַלע צייטונגען האָבן אים צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג באַגריסט און געשריבן וועגן אים אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט. פון אַלע עקן וועלט האָט ער באַקומען טעלעגראַמעס;

אין די טויזנטער און טויזנטער זיינען זיי אָנגעקומען, און נים דווקא פון בלויז יידן, נאָר אויך פון קריסטן, ווייל אין זיין לעבן האָט ער געטאָן אַ סך גוטע זאַכן און זיך איינגעשטעלט ניט נאָר פאַר יידן, נאָר אויך פאַר קריסטן, ווען זיי זיינען געווען אין אַ נויט און געדאַרפט האָבן זיין הילף.

אויך די ענגלישע קיניגין וויקטאָריע האָט אים אין יענעם טאָג צוגעשיקט אַ באַגריסונג. „מיט דעם, — האָט זי צו אים געשריבן, — וויל איך נאָך אַ מאָל אויסדריקן מיין אויפריכטיקע באַגריסונג צו אייך אין דעם טאָג, וואָס צייכנט אָן אין אייער לעבן דעם סוף פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט פון געטריישאַפט און ליבע צו מענטשן."

און ביי דעם הויז, וואו משה מאָנטעפיאָרע האָט געוואוינט, האָבן זיך אין יענעם טאָג צונויפגעקליבן עטלעכע טויזנט מענטשן; פונעם גאַנצן געגנט, וואָס אַרום און אַרום, זיינען זיי אַהין געקו־מען באַגריסן דעם גרויסן יידן און גרויסן מענטשן־פריינד צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג; יידן און קריסטן, מענער און פרויען, אַלטע און יונגע זיינען צווישן דעם גרויסן עולם געווען. אין דעם פּאַראַד, וואָס זיי האָבן געמאַכט אַרום דעם הויז, האָבן זיי געפירט די אַלטע קאַרעטע, אין וועלכער משה מאָנטעפיאָרע האָט געמאַכט זיינע רייזעס איבער פאַרשידענע לענדער אין די צייטן, ווען עס זיינען נאָך קיין באַנען ניט געווען און מען האָט געמוזט פאָרן איבער די שלעכטע וועגן אין קאַרעטעס מיט פערד.

אין דער לאָנדאָנער שול, וואו משה מאָנטעפיאָרע פלעגט דאַוו־נען, האָט מען אין יענעם טאָג אָפּגעהאַלטן אַ באַזונדערע תפילה (געבעט) און נאָך דעם איז דער ראַבינער, דאָקטאָר הערמאַן אַד־לער, אין איינעם מיט נאָך עטלעכע אָנגעזעענע יידן, אַוועק צו משה מאָנטעפיאָרע אַהיים, אים איבערצוגעבן פערזענלעך די באַגריסונג פון דער גאַנצער לאָנדאָנער יידישער געמיינדע. דערביי איז אויך געווען דאָקטאָר לואיס לעווע, וועלכער האָט מאָנטעפיאָרען גע־דינט אַלס איבערזעצער אויף אייניקע פון די רייזעס, וואָס ער

האָט מיט אים געמאַכט. און שפּעטער האָט דאָקטאָר לעווע דער־ציילט, וואָס פאַר אַ שטאַרקן איינדרוק משה מאָנטעפיאָרע האָט געמאַכט אויף די מענטשן, וואָס זיינען געקומען אים באַגריסן צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג:

דער אַלטער מאַן, וואָס האָט אָנגעפילט זיין גאַנץ לעבן מיט אַזאַ רייכער טעטיקייט צו קריגן רעכט פאַר זיינע אָרעמע און פאַר־פאָלגטע ברידער אין די אַלע לענדער, וואו זיי האָבן קיין רעכט ניט געהאַט, איז געזעסן אויף אַן אַלטמאָדישן דיוואַן, אָנגעשפּאַרט אַן עטלעכע קישנס, וואָס זיינען געלעגן איינס אויף דעם אַנדערן. די זון, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער, האָט באַלויכטן זיין פּנים, וואָס איז שוין געווען שטאַרק צעקנייטשט און וואָס האָט דאָך אויסגעדריקט אַ וועלט מיט כאַראַקטער און פעסטקייט. די אַרומגעשאָרענע באָרד איז געווען ווייס ווי שניי. ניט ווייט פונעם דיוואַן איז געשטאַנען אַ טיש. אויפן טיש זיינען געשטאַנען עטלעכע גרויסע בוקעטן בלומען. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער פון דער ענגלישער קיניגין וויקטאָריע און פון די אַנדע־רע פון דער קיניגלעכער משפּחה. אויך בילדער פון ארץ־ישראל זיינען אויף די ווענט געהאַנגען, און איבער אַ סטענדער, וואו פרומע יידן דאַוונען געוויינלעך אין שול, איז געהאַנגען אַ שיינער טאַוול, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעקריצט די צען געבאָט פון דער תורה.

אַזוי באַשרייבט דאָקטאָר לעווע די סצענע, וואָס ער האָט געזען אין דעם טאָג, ווען די פאָרטרעטער פון דער יידישער גע־מיינדע אין לאָנדאָן זיינען געקומען באַגריסן משה מאָנטעפיאָרע צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג.

עס איז געווען אַ גרויסע פייערונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער און טויזנטער מענטשן איבער דער גאַנ־צער וועלט. און ניט נאָר אין די גרויסע שטעט, נאָר אויך אין די פאַרוואָרפנסטע יידישע שטעטלעך, וואו זיין פאָרטרעט איז

געהאנגען אויף די ווענט און וואו ניט איין יידיש קינד האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער פּאָרטרעט פון זיין זיידן.

נאָך דער פייערונג פון דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג האָט משה מאָנטעפיאָרע געלעבט נאָך קנאַפּע צען חדשים. און אינעם טאָג פונעם 28טן יולי, פונעם יאָר 1885, איז ער געשטאָרבן, און פאַרן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל אים באערדיקן לעבן דעם קבר פון זיין ווייב יהודית.

דאָס איז געווען זיין לעצטער וואונטש, און עס האָט געשטימט מיט דער איידלקייט פון זיין כאַראַקטער און אויך מיט זיין געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו אידעאַלן און צו מענטשן.

ער איז געווען אַ גרויסער ייד און אַ גרויסער מענטשן־פריינד, און מיט אַלץ, וואָס ער האָט אין זיין לאַנגן לעבן געטאָן אין דעם שווערן קאַמף צו קריגן גלייכע רעכט פאַר יידן אומעטום, האָט ער פאַרדינט אַן אָנגעזעען אָרט אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק.